# צווישען פּאָפּוגייעס.

א פּראָפעסאר,
אָדער איינער וואָס איז נאָך פיעל גרעסער,
ווי למשל, אפשר גאר א פילאָזאָף,
(דער גוטער יאָהר קען וויסען אלע מענשליכע טיטולען,
דוכט זיך, ס'גיט גאָרניט צו זיי קיין סוף,)
נור יעדענפאלס איז דאָס געווען א מענשעל מיט שפּאקולען
און כידוע,
זיינען דאָך שפּאקולען א רפואה
בלויז פאר יענע וועלכע קוקען צופיעל אין די ביכער,
נו איז עס דעריבער זיכער,
אַז דער מאן געווען איז טאַקע פון די קענער,
און נאָך פיעלע יאָהרען פון שטודירען,
אלע שפּראכען פון דער וועלט,
וועלענדיג אנאַליזירען,
אלע קלאַנגען, אלע טענער,
לויט זיי זענען אין די ביכער דאָרט צושטעלט,
איז ער ענדליך גאר געקומען צום בעשלוס,
אַז די גרויסע ווערטער־ביכער זענען בלויז א שטות,
די בעדייטונג פון איעדער פראַזע,
פון איעדער ריידע, פון איעדען בוך,
פון איעדער ברכה, פון איעדען פלוך,
ווערט בעהויפּטעט ביים פּראָפעסאר, איז:
„גיט מיר עפּעס פּיקען, פּליעז!" *)
קורץ, דער גרויסער מאן איז אלץ און אלעמען מבזה,
און ער בעווייזט,
ווי ס'איז פערגרייזט,
די מיינונג, אַז מען דארף מיליאָנען ווערטער,
ווייל איז אלע שפּראכען איז דער עיקר,
בלויז דער פּיקער,
אלע ריידען אָדער שרייבען נור צוליעב'ן עסען,
און ווער עס קומט נור ווען ארויס מיט לשון,
מיינט בלויז דעם גראשען,
נו קען מען אלזא דאָך — אַזוי ערקלעהרט ער —
אויסדריקען די טיעפסטע אינטערעסען,
מיט וועניג ווערטער, אָהן יסורים.
וואָס טויג אונז, פרעגט ער, ריידען לאַנג און קלוג,
גוט און בעסער,
ווען ס'איז דורכאויס גענוג,
צו ריידען אימער קורצע גאר דבורים,
זאָגען פשוט: „גיט מיר עפּעס פאַר מיין פרעסער!"
און מערקווירדיג! עס מעג ארויסרופען ערשטוינונג,
די גאַנצע וועלט האָט אָנגענומען דיעזע מיינונג,
מען זאָגט טאַקע, אַז „יעדערער וואָס דרש'ענט שעהן און נאָבעל,
האָט קיין שום זאַך אין זינען, בלויז זיין שנאָבעל..."

מיר, די פּאפּוגייעס, קענען אָט פון דיעזען פאל
אויספלאַפּלען א מוכר השכל, א מאָראַל,
אַז בנוגע שפּראכען, זענען מיר די קונציגסטע ענטדעקער,
אונזער גאַנצע שפּראַך, איז: „פּאָלי וואָנטס עי קרעקער!" **)



*) ביטע! **) איך וויל א קיכעל!